

הרה"ג **ר' נח גפן**
**שליט"א** שו"ב

1

## רבי שמשון אליעזר גפן ז"ל

***ש:*** *גראדע, מבית אבותי׳ שטאמען מיר אויך פון קליינווארדיין, און עלטערע קליינווארדיינער אידן פלעגן אלע געדענקען צו דערציילן איבער די הרבצת התורה, פון אייער זיידן הגאון רבי שמשון אליעזר ז"ל.*

**רבי נח:** יא, דאס איז דער אמת, מיין זיידע האט כל ימיו עוסק געווען אין הרבצת התורה פאר יונגע בחורים.

## קיבץ וריבץ פעלים לתורה ולתעודה

ווען ר' שמשון אליעזר ז"ל איז געווען אויף שמחת תורה אין דער פרעמד פלעגט ער אויסניצן די געלעגנהייט צו צוזאמקלויבן בחורים וואס ווילן קומען לערנען אין זיין ישיבה, און שטענדיג פלעגט ער אהיימקומען נאך יום טוב מיט עטליכע פרישע בחורים וואס זענען געקומען לערנען צו זיין ישיבה.

## ותלמוד תורה כנגד כולם

ער איז געווען זייער דבוק אינעם רבי'ן מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע, ער האט ממש געלעבט מיטן רבינ'ס חידושים. יעדעס מאל ווען ער איז געפארן צום רבי'ן זי"ע פלעגט ער אפשרייבן די חידושים, און דאס שיקן צום רבי'ן. ער פלעגט זיך אונטערשרייבן אויף די תורות "שמשון אליעזר בן טוביא".

אסאך פון די תורות זענען איבערגעבליבן נאך די קריג צוזאמען מיט די כתבי ידות פון הגה"צ ר' אהרן ארי' כ"ץ ז"ל און טייל זענען געדרוקט געווארן אין ספר דברי יואל (על המועדים) און אויך אין ספר טיב לבב.

עס האט דערציילט ש"ב הרב החסיד ר' שלמה גפן ע"ה וואס איז געווען א פלומעניק פונעם זיידן ז"ל - ר' שלמה ע"ה איז געווען א זון פון ר' אהרן מנחם גרשון ע"ה וואס איז געווען א ברודער מיט ר' שמשון אליעזר ז"ל.- וואס ער איז געווען זייער נאנט און מקושר צום רבי'ן זי"ע, אז דער רבי האט אים אמאל געזאגט "אזוי ווי איך בין זייער אסאך פארנומען מיטן כלל און פרט מיט אידישע קינדער, און איך האט נישט קיין צייט צו שרייבן אליין מיינע תשובות, אפשר קענסט פועל'ן ביי דיין פעטער ר' שמשון, אז ער זאל מיך העלפן מיט מיינע חידושי תורה"...

דער רבי האט געזען די תורות וואס ר' שמשון אליעזר ז"ל האט געשריבן, און אויך דעם ספר ברית משה וואס ר' שמשון אליעזר ז"ל האט געשריבן מיט אזא קלארקייט, האט ער געוואוסט אז ער איז זייער א שיינער און גוטער שרייבער, אלעס וואס ער האט געשריבן איז געווען מיט א פונקטליכקייט ס'האט ממש אויסגעזען ווי א געדרוקטע תורה, האט דער רבי זי"ע געבעטן ר' שלמה אז ער זאל זען צו פועל'ן ביי זיין פעטער ר' שמשון אליעזר ז"ל אז ער זאל קומען און אים שרייבן זיינע תשובות.

אבער ר' שמשון אליעזר ז"ל האט געענטפערט מיט יראת הכבוד און דרך ארץ אז ער וויל ענדערש מרביץ תורה זיין פאר תלמידים און דאס קען ער נישט גיין צוזאמען, ער וועט נישט האבן קיין צייט צו שרייבן און אזוי אויך זיך קענען ארײנלייגן אז זיינע תלמידים זאלן שטייגן און תורה און אין יראת שמים, און אזוי איז טאקע געווען אז ער האט נאך געשריבן דאס ביסל תורות וואס ער האט געהערט ווען ער איז געווען ביים רבי'ן זי"ע.

## גע'חזר'ט דעם רבינ'ס חידושי תורה ברבים

זיין סדר איז אויך געווען אז יעדעס מאל ווען ער איז אהיים געקומען צוריק אהיים קיין קליינווארדיין נאכן זיין א שבת ביים רבי'ן זי"ע, פלעגן זיך צוזאם קומען אלע תלמידי חכמים פון שטאט און ער פלעגט זיך אראפזעצן און איבערזאגן אלע חידושים וואס דער רבי האט געזאגט, און ער פלעגט זיך מפלפל זיין מיט די תלמידי חכמים צו פארענטפערן יעדעס ווארט וואס דער רבי האט געזאגט.

עס האט דערציילט הרה"ג ר' בנציון יאקאבאוויטש ז"ל פון בני ברק - פון די חשוב'ע תלמידים פון זיידן ז"ל - אז איינמאל ערב שבת קודש פ' ויצא אדער פ' וישלח, זעט ער צופרי ווי ר' שמשון אליעזר ז"ל קומט ארויס פון די קלויז זייער פרי, פריער ווי געווענליך, ער האט זיך זייער געוואונדערט וואו ער יאגט זיך היינט.

נאכדעם זעט ער ווי ער טוט אן די בגדי שבת און ער האלט אין איין האנט די שטריימל און אין די אנדערע האנט די טלית ותפילין און ער פארט קיין סעמיהאלי אויף שבת, ווייל דער רבי זי"ע האט דעמאלט געוויילט אין יענע שטאט אויף שבת.

זונטאג צופרי איז ער צוריק אנגעקומען קיין קליינווארדיין און ער איז געקומען אין ישיבה געהעריג, גרייט צו פארלערנען דעם שיעור.

פלוצלינג זעט ר' בנציון אז עס קומען אריין אין ישיבה תלמידי חכמים פון קליינווארדיין אלטע אידן און יונגעלייט, ער האט נישט געוואוסט וואס גייט דא פאר, מען גייט דאך יעצט לערנען א שיעור גמרא תוספות וואס זוכן זיי דא אין די ישיבה.

דערציילט ר' בנציון "אבער עס האט נישט געדויערט צו לאנג און איך האב שוין געזען וואס דא גייט פאר, אלע תלמידי חכמים האבן זיך אראפגעזעצט, און ר' שמשון ז"ל האט געפרעגט "נו! יעדער איז שוין דא?"... און ער האט אנגעהויבן איבערצוזאגן די דרשה וואס דער רבי זי"ע האט געזאגט שבת פאר'ן ליינען".

דארט זענען געזעסן שארפע קעפ, און מען האט זיך אנגעהויבן צו מפלפל זיין, זיי האבן

געפרעגט קשיות אויפן רבינ'ס פשעטל, און ר' שמשון איז געשטאנען פעסט און אלעס פארענטפערט.

אינמיטן האט איינער געפרעגט זייער א שטארקע קשיא, און ר' שמשון האט נישט געהאט קיין תירוץ אויפן פלאץ, האט ער אנגעהויבן צו זוכן אין די ראשונים און אין די אחרונים צי מען קען אפשר דאס פארענטפערן.

אזוי ווי עס איז נישט געווען דארט אין די ישיבה אזוי ווי היינט אלע ספרים, האט ער געשיקט די בחורים אז איינער זאל גיין צום רב בעטן א ספר, און א צווייטער זאל גיין צום דיין הגאון רבי משה הערש לאנדא זצ"ל בעל מחבר ספר שלחן מלכים, און א דריטער זאל גיין צו הגאון החסיד רבי ישראל חיים סאמעט ז"ל בעל מחבר ספר שמע ישראל, און אזוי האט ער געהאט די ספרים, מען האט מעיין געווען תוך כדי דיבור, און אזוי געטראפן מהלכים און ביאורים צו קענען פארענטפערן דעם רבינ'ס ווערטער, ביז ווען אלע קשיות זענען געווארן פארענטפערט.

דער פלפול האט אנגעהאלטן ארום דריי שעה, און די קולות בשעת'ן פלפול איז געגאנגען ביז'ן הימל, צווישן די ספרים וואס ער האט געבעטן אז מ'זאל אים ברענגען איז געווען דער ספר 'צמח צדק' פון הגה"ק מליובאוויטש זצ"ל, און ער האט געזאגט דארט פאר די תלמידי חכמים "עטס זעטס ווי אזוי מען דארף לערנען? קוקטס ווי דער צמח צדק איז מדייק אין ווארט פון זיין זיידע דער בעל התניא, און פון דעם דיוק דרייט ער איבער די גאנצע סוגיא פון בדיקה וביטול אנפאנג מסכת פסחים"... "דאס הייסט געלערנט"... האט ער אויסגעפירט "אויב מ'וועט מדייק זיין יעדעס ווארט וואס דער רבי זאגט וועט מען אלעס פארשטיין..."

נאכדעם האט ער זיי געזאגט אז כדי צו קענען פארשטיין דאס טיפקייט און דעם דרך הלימוד פונעם רבי'ן דארף מען זיך רייניגן און זיך הייליגן קודם און זיך צוגרייטן דערצו.

ר' בנציון ז"ל האט געענדיגט די מעשה און זיך אויסגעדריקט אז דאס בילד פון די מעשה ליגט אים נאך ביז היינט איינגעקריצט אין זכרון וואס ר' שמשון אליעזר ז"ל האט אויסגעלערנט ווי אזוי מען דארף מדייק זיין און ווי אזוי מען דארף אפלערנען א תורה פון רבי'ן זי"ע.

## אין די אונגארישע מיליטער

אין יאר תרע"ה ווען עס האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט מלחמה, האט יעדער געדארפט גיין דינען אין מיליטער, ס'איז דעמאלט געווען שווערע צייטן ביי כלל ישראל, ווייל דאס גיין אין מיליטער איז געווען זייער א שווערע זאך, ווייל ס'איז געווען דארט זייער שווער זיך צו האלטן מיט אידישקייט, מיט שמירת שבת, מאכלות אסורות וכדומה.

ר' שמשון אליעזר ז"ל איז דעמאלט ארייגעכאפט געווארן צו זיין א סאלדאט, איבערלאזנדיג אינדערהיים א משפחה מיט קינדער, ס'איז אים געווען זייער שווערע צייטן דעמאלט מיט האלטן מיט אידישקייט, און נאך דערצו האט מען דעם זיידן געשטעלט אויף די ערגסטע פלאץ, צו שטיין ממש אויפן פראנט זיך צו שלאגן מיטן שונא, א פלאץ וואס עס איז די ערגסטע סכנה, אבער ער האט דאס מקבל געווען באהבה.

עס איז געווען די סדר ביי די מיליטער אז יעדער סאלדאט האט באקומען צוויי וואכן א יאר וואס מען האט געקענט אהיים גיין אויף אורלויב (דאס מיינט אז מ'קען אהיים גיין פאר צוויי וואכן), און נאכדעם האט מען געדארפט צוריק קומען, טאמער א סאלדאט איז נישט צוריק געקומען נאך די צוויי וואכן איז געווען אחת דתו, מען האט פאר דעם געגעבן די הארבסטע שטראף.

## ברכת צדיק ביים בעלזער רב זצוק"ל

ווען ס'איז געווען די צייט פון די צוויי וואכן אהיימצוקומען איז ער געפארן קיין ראצפערט, דארט אין ראצפערט האט זיך אויפגעהאלטן ביי די מלחמה דער **בעלזער רב הרה"ק ר' ישכר דוב זצוק"ל**, ער פלעגט אסאך פארן צום בעלזער רב סיי ווען ער איז געווען אין ראצפערט, און סיי ווען דער בעלזער רב איז געווען אין מונקאטש.

מען זעט אין קונטרס אחרון פון ספר שם הגדולים וואס הג"ר פנחס זעליג הכהן שווארץ פון קליינווארדיין האט ארויסגעגעבן אין יאר תרע"ח, ברענגט ער דארט א תורה וואס ידיד נפשי **החו"ב ר' שמשון וויינשטאק פון קליינווארדיין** האט אים געשריבן וואס ער האט אליין געהערט פון הגה"ק מרן ישכר דוב מבעלזא זצוק"ל, איז ער יעצט אויך אריבער צום בעלזער רב, און דער בעלזער רב האט אים זייער שיין אנגעוואונטשן.

## בצל צדיק כתמ"ר

נאכדעם איז ער געגאנגען צו זיין רבי דער הייליגער עצי חיים זי"ע וואס ער האט זיך אויך דארט אויפגעהאלטן בשעת די מלחמה, און ער איז אריין מיט א קוויטל, און ער האט זיך שטארק אפגערעדט פארן עצי חיים ווי שווער ס'איז אים צו זיין אין מיליטער, און אין וואספארא סכנה ער דארף זיין יעדן טאג.

האט אים דער עצי חיים זי"ע געהייסן אז ער זאל בלייבן דארט אין ראצפערט און נישט צוריק גיין, פארשטייט זיך אז ער האט זייער מורא געהאט דערפון, ווייל אויב מען כאפט אים קען דאס זיין די ערגסטע, אבער אז זיין רבי האט געהייסן האט ער געפאלגט און ער איז געבליבן דארט צווישן אנדערע "טמיר ונעלם אידן" באהאלטענערהייט.

## א פארגעסענער מאנטל...

נאך אפאר וואכן זיין דארט באהאלטן אין ראצפערט, איז אנגעקומען צו אים אהיים א בריוו פון די מיליטער, פארן עפענען דעם קאנווערט האט מען זיך זייער שטארק דערשראקן וואס די בריוו קען מיינען, ווייל דאס מיינט זיכער אז זיי זוכן אים, און ווער ווייסט וואס זיי ווילן דא טון, אבער מען האט געעפענט דעם בריוו און דארט איז געשטאנען אז זיי ווילן מודיע זיין פאר די משפחה אז ר' שמשון אליעזר ז"ל איז געפאלן ביי די מלחמה און ער לעבט שוין נישט.

פארשטייט זיך אז די שמחה איז געווען זייער גרויס ווייל דאס מיינט אז מען גייט אים שוין מער נישט זוכן און פון דעמאלט האט ער זיך טאקע מער נישט באהאלטן, אבער קיינער האט נישט געוואוסט וואס ס'איז דער באדייט פונעם בריוו, פארוואס עס פאלט זיי איין אז ער איז געשטארבן.

שפעטער איז מען געוואויר געווארן וואס זייער טעות איז געווען, אז ער האט איבערגעלאזט זיין מאנטל דארט אין מיליטער איידער ער איז אהיים געקומען און יעדער סאלדאט האט געהאט א נומער אויף זיין מאנטל, און א צווייטער סאלדאט א גוי האט אנגעטון דעם מאנטל אין יענער גוי איז גע'הרג'ט געווארן האבן זיי געמיינט אז דאס איז ער, אזוי איז ער געראטעוועט געווארן פון דארפן צוריק גיין אין מיליטער.

**פאָרזעצונג קומט אי"ה**